בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
י'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת אמור
תשפ"ג


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**בְּעֶזֶר ה' בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס. מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶעהַאט אִין דִי גְמָרָא (תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי דְּמַאי, ז, ג) אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע הַלָכָה; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ קוּה וָואס עֶר פַארְדִינְגְט עֶס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיפְצוּאַקֶערְן זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער, טָאר עֶר נִישְׁט נִיצְן דֶעם קוּה בַּיינַאכְט צוּ אַקֶערְן זַיין פֶעלְד, וַוייל אַ קוּה דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אַ קוּה קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִין אֵיין צִי, קוּמְט אוֹיס אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זִי אַקֶערְט אוֹיךְ בַּיינַאכְט, הָאט זִי נִישְׁט גֶעהֶערִיג קַיין כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַקֶערְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיי מֶענְטְשְׁן, בַּא'גַנָבְ'עט עֶר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דִינְגֶען עֶס פוּן אִים.

דִי גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער נָאךְ אַן הַלָכָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְדִינְגְט זִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּייטָאג, [אַזוֹי וְוי עֶס גֵייט אִין אַמֶערִיקֶע, רוֹב אַמֶערִיקַאנֶע בִּירְגֶער אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג], טָאר עֶר נִישְׁט בַּיינַאכְט אוֹיפְזַיין אוּן אַרְבֶּעטְן פַאר זִיךְ, עֶס אִיז גְנֵיבָה, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג בַּיינַאכְט קֶען מֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג. מֶען מֶעג אוֹיפְזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוֹיבּ מֶען וְויל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס מֶען טוּט אַזוֹי, מֶען שְׁלָאפְט בַּייטָאג אוּן מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט... אָבֶער אַז מֶען פַארְדִינְגְט זִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן בַּייטָאג מוּז מֶען שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

### וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם מְלַמֵּד?

דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטֶעטְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער מְלַמֵּד קוּקְט נִישְׁט אוֹיס גוּט, עֶר אִיז אַיינְגֶעגֶעסְן, אוֹיסְגֶעדַארְט, צֶעבְּרָאכְן אוּן מִיד, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם מְלַמֵּד וָואס אִיז אַזוֹי אַיינְגֶעבּוֹיגְן, מִיד אוּן שְׁוַואךְ"**, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז זִיךְ 'מְסַגֵּף'. עֶר וְויל תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת פַּיינִיגְט עֶר זַיין גוּף, עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט אוּן עֶר עֶסְט נִישְׁט; עֶס אִיז גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' צוּ מְסַגֵּף זַיין דֶעם גוּף.

הָאט אִים רֶבִּי יוֹחָנָן אַפִּיר גֶענוּמֶען אִין דִי זַייט אוּן גֶעזָאגְט: **"אִינְגֶערְמַאן; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן, מַה דָאךְ דֶער וָואס אַרְבֶּעט פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם, מוּז עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וַוייל וֶוען מֶען פַאסְט אוּן מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג קֶען מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גֶענוּג פְלַייסִיג אוּן דָאס הֵייסְט גְנֵיבָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז עוֹסֵק אִין 'מְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא', דוּ אַרְבֶּעטְס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָארְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט פַאסְטְן אוּן אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט".**

דֶערְפַאר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג פַאר מְחַנְּכִים אִיז, מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט, מֶען מוּז גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלֶעךְ.

### אַרַיין שְׁלָאפְן בִּיז נָאכְמִיטָאג

אוֹיבּ מֶען וְויל - מוּז מֶען נִישְׁט זַיין אַ טִיטְשֶׁער; מֶען קֶען פַארְקוֹיפְן טִיכְלֶעך, מֶען קֶען פַארְקוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן מֶען קֶען נֵייעֶן שִׁירְצְלֶעך, אוּן זַיין אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן אַרַיין שְׁלָאפְן בִּיז נָאכְמִיטָאג אוּן דֶעמָאלְט אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, אָבֶער אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף זַיין נַיין אַזֵייגֶער אִין כִּתָּה דַארְף מֶען זֶען צוּ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן.

### גֵייט אַהֵיים שְׁלָאפְן

אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים קוּמֶען צוּ 'מְסִיבּוֹת' אוּן 'חֲתוּנוֹת' אוֹיבּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִיז דָא חֵדֶר. זוּמֶער פְּרַאוֶועט מֶען אִין שְׁטֶעטְל שְׁפֶּעטֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס, זָאג אִיךְ פַאר דִי מְלַמְּדִים, **"גֵייט אַהֵיים שְׁלָאפְן"**, דִי לֶערֶערִינְס קֶענֶען בְּלַייבְּן, וַוייל זוּנְטָאג אִיז נִישְׁט דָא קַיין סְקוּל, אָבֶער מְלַמְּדִים וָואס דַארְפְן זַיין זוּנְטָאג צוּפְרִי אִין כִּתָּה, דַארְפְן אַהֵיימְגֵיין צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד: **"אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דַיין אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אַז דוּ בִּיסְט מְלַמֵּד, אָבֶער אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, צוּ קוּמֶען שְׁפֶּעט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר אַ מְלַמֵּד, וַוייל אַז מֶען בַּא'גַנָבְ'עט אֵיינֶעם קֶען מֶען אִים בַּאצָאלְן, אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אַוֶועק דִי קִינְדֶערְ'ס צַייט, אִיבֶּערְהוֹיפְּט בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה, וְוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס שְׁפֶּעטֶער בַּאצָאלְן?"** דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ גוּט עֶסְן, אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְרוּעֶן בַּיינַאכְט.

### מֶען וֶוערְט שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער אִים אוֹיפְצוּרֶעגְן וְוי אֵיינֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶערוּט; וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט אִיז מֶען רוּאִיגֶער אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט.

### אוֹיסְצִיעֶן דֶעם אוֹיעֶר...

וֶוען קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ וָואס מֶען זָאגְט, אוֹיבּ אִיז דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְגֶערוּט וֶועט עֶר עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן, אָבֶער אוֹיבּ עֶר אִיז מִיד וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אָנְכַאפְּן דֶעם אוֹיעֶר אוּן אוֹיסְצִיעֶן: **"דוּ הֶעעֶרְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!"**

### דָאס אִיז אַ קִינְד

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, בַּיי לָאנְטְשׁ וֶוען דִי קִינְדֶער עֶסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז יֶעדֶער זָאל זִיצְן שֵׁיין אָדֶער יֶעדֶער הֵייבְּט אָן צוּ בֶּענְטְשְׁן, דַארְף מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדֶענְקֶן אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, פַאר קִינְדֶער דַארְף מֶען אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל: **"מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן"**, **"מֶען דַארְף יֶעצְט זִיצְן"**, אוּן אַז אֵיין קִינְד זִיצְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט אוּן מֶען קֶען יֶעצְט צִיעֶן זַיין אוֹיעֶר: **"דוּ הֶעעֶרְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!"** וַוייל מֶען קֶען אוֹיךְ נֶעמֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן עֶס אוֹיסְצִיעֶן, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר. דָאס אִיז אַ קִינְד, מֶען דַארְף זֵיי אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

# הַמַשְׁפִּיעַ שְׁעוּרִים אִין חִנוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת צַו, שְׁנַת תשפ"ג

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

### קִינְדֶער הֶערְן יָא

מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', 'מַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אִין דִי לוּפְט', אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַז 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט' - אִיז אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער. דֶערְפַאר זֶענְט אִיר דִי מְחַנְכִים, צוּ וִויסְן אַז מֶען דַארְף אִיבֶּער זָאגְן פַאר קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל! וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס "מַה נִשְׁתַּנָּה", אוּן דִי קִינְדֶער כַאפְּן עֶס נִישְׁט אוֹיף, מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט, דִי קִינְדֶער הֶערְן יָא, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט קִינְדֶער, מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיר גֶעדֶענְקְט זִיכֶער וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען יוּנְג הָאט אִיר אוֹיךְ גֶעצִיטֶערְט אַז אִיר גֵייט נִישְׁט קֶענֶען דִי "מַה נִשְׁתַּנָּה", אַזוֹי גֵייט עֶס.

### קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל

אַ מְלַמֵד אִין שְׁטֶעטְל הָאט מִיר גֶערוּפְן, עֶר אִיז מַמָשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בַּאהַאלְטְן זִיךְ הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, נֶעכְטְן שִׁיקְט מִיר דֶער מֶענֶעדְזְשֶער אַ בִּילְד אַז מֶען הָאט פַארְבּוֹיט דֶעם לָאךְ הִינְטֶער דִי טְרֶעפּ. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעלַאכְט צוּ מִיר, וַוייל אַז מֶען הָאט פַארְבּוֹיט דֶעם לָאךְ גֵייט שׁוֹין יֶעצְט אַלֶעס זַיין מְסוּדָר?! פַארְקֶערְט, לָאז דֶעם לָאךְ אַזוֹי זָאלְן דִי מְלַמְדִים גֶעדֶענְקְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער צוּ זַיין אֵיידְל, אוֹיבּ מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן אַפָּאר וָואכְן צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וֶועט מֶען נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן צְוֵויי קִינְדֶער זִיךְ בַּאהַאלְטְן דָארְט וְכוּ', וֶועלְן דִי מְלַמְדִים זִיךְ נָאכְאַמָאל כַאפְּן אַז מֶען דַארְף רֶעדְן דֶערְפוּן.

### אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ יֵצֶר הָרָע

מֶען קֶען נִישְׁט פַארְבּוֹיעֶן אַ לָאךְ אוּן שׁוֹין... וִוי אַזוֹי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער שׁוֹין וִויסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל?! אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט; דֶער יֵצֶר טוֹב קוּמְט וֶוען מֶען וֶוערְט דְרַייצְן יָאר אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט בַּיים גֶעבּוֹירְן, דֶערְפַאר זֶעט מֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן עֶס צִיט אִים שׁוֹין זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל.

אוֹיף דֶעם זֶענֶען דָא מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס דַארְפְן זָאגְן אוּן זָאגְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים!"** אוּן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וֶוער עֶס אִיז וואוֹיל!"** מֶען לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער מִיט אַ שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט.

### יֶעדֶע פִינְף מִינוּט נָאךְ אַ לָשׁוֹן הָרָע...

אַז מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת דַארְף מֶען זַיין אַבִּיסְל אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי 'יִרְאַת הָעוֹנֶשׁ', זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וֶוערְט מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אוֹיבְן אִין הִימְל.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם קוּמֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פִינְף מִינוּט נָאךְ אַ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ צְווֵייטְן, דַארְף דִי לֶערֶערִין זַיין גֶענוּג גְרוֹיס אוּן קְלוּג צוּ פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ יָא וואוּסֶענְדִיג מַאכְן אוּן וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, אוֹיף וָואס עֶס אִיז וִויכְטִיג שׁוֹין צוּ הַאלְטְן אַ דְרָשָׁה, אוּן וָואס קֶען מֶען רֶעדְן צוּ דֶעם קִינְד פְּרִיוַואט.

# הִיזוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פּוֹנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס אִיז דַיין סוֹד?

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (יוֹמָא מז.): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט אִין דִי צַייטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, זִי הָאט גֶעהֵייסְן 'קִמְחִית', זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ כֹּהֵן אוּן גֶעהַאט זִיבְּן קִינְדֶער, אִירֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים, אָבֶּער נִישְׁט סְתָם כֹּהֲנִים, נָאר כֹּהֲנִים גְדוֹלִים, וָואס גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם קוֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים. הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין כֹּהֲנִים גְדוֹלִים?!"** נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ כֹּהֵן גָדוֹל, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין כֹּהֲנִים גְדוֹלִים, וִוי אַזוֹי הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ?

[דָאס אִיז אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה; אוֹיבְן אוֹיף אוֹיבּ אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְדוֹלִים וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אַ קְלָלָה, וַוייל דָאס מֵיינְט אַז דֶער בְּרוּדֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, אוּן אַ צְוֵוייטֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים אִיבֶּער גֶענוּמֶען, נָאר דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, בֶּאֱמֶת אִיז דֶער עֶלְסְטֶער בְּרוּדֶער - רֶבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן קִמְחִית - גֶעוֶוען דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, נָאר אֵיין יָאר אִינְמִיטְן יוֹם כִּפּוּר הָאט עֶר גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס רֶעדְן מִיט אַן אַרַאבִּישֶׁער קֶענִיג צוּ הֶעלְפְן דִי אִידְן, וֶוען דֶער גוֹי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל אַ טְרָאפּ שְׁפֵּייעֶכְץ אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן קְלֵייד פוּן רֶבִּי יִשְׁמָעֵאל, אוּן דִי הַלָכָה אִיז - וֶוען אַ גוֹי שְׁפֵּייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶר טָמֵא, דֶערְפַאר הָאט עֶר הַיינְט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק גֵיין טוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאט זַיין בְּרוּדֶער גֶעדַארְפְט אִיבֶּער נֶעמֶען. אַזוֹי אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ עֶטְלִיכֶע יָאר אַז אַלֶע קִינְדֶער פוּן קִמְחִית הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִינֶען אַלְס 'כֹּהֵן גָדוֹל' אוּן אַרַיין גֵיין אִינֶעם קוֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים].

אַז מֶען זֶעט אַ פְרוֹי הָאט גוּטֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען אִיר נֶעמֶען אִין אַ זַייט אוּן פְרֶעגְן: **"זָאג מִיר וָואס אִיז דַיין סוֹד?"** קִינְדֶער פַאלְן דָאךְ נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בּוֹים, מֶען זֶעט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גְדוֹלִים, גְאוֹנִים אוּן צַדִיקִים, בַּיי יֶעדְן אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ סוֹד, עֶפֶּעס הָאבְּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֶעטוּן אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס בִּזְכוּת דֶעם הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא קִינְד.

### זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער

הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: **"אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי וֶוענְט אוּן דִי דַאךְ פוּן מַיין הוֹיז זָאלְן נִישְׁט זֶען מַיין הָאר; מַיין קָאפּ אִיז אַלְץ גֶעוֶוען צוּגֶעדֶעקְט, אֲפִילוּ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ וואוּ קֵיינֶער זֶעט מִיר נִישְׁט, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן דֶערוֹיף"**, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען מֶען בָּאדְט זִיךְ), הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: **"יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אַז מֶען פִירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת"**. אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): **"צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים"**, אַז אַ פְרוֹי אִיז אֵיידְל, זִי פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּצְנִיעוּת, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל; עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט אוּן אוֹיף יֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט - אַבִּי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן מב): **"בָּנִים הַטּוֹבִים - רְפוּאָה גְדוֹלָה לָאָבוֹת"**, גוּטֶע קִינְדֶער הֵיילְן אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן.

### מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז 'עֶק וֶועלְט'...

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען הָאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ פָּארֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַ פְרוֹי וָואס הַאלְט פִינְף, זֶעקְס, זִיבְּן יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה מֵיינְט אַז עֶס אִיז 'עֶק וֶועלְט'; אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, מֶען הָאט אֵיין קְלֵיין קִינְד, נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד אוּן נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד... מֶען שְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי מֶען קֶען מֶער נִישְׁט, אָבֶּער מִיט דִי צַייט וֶוערְט עֶס גְרִינְגֶער, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען מַאכְט שׁוֹין חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ, מֶען זֶעט דִי נַחַת, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען יוּנְגֶער אוּן יוּנְגֶער! בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ מַאךְ שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער, אִיךְ זָאג אַייךְ, עֶס לוֹינְט זִיךְ, מֶען וֶוערְט מַמָשׁ יוּנְגֶער.

### עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין אֵיידְל

**טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ!** עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין אֵיידְל, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין בַּאשֵׁיידְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין שֵׁיין, עֶס לוֹינְט זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן רַייךְ, נִישְׁט פְּרָאסְט אוּן נִידְרִיג — בְּלוֹיז פַאר דֶעם אַלֵיינְס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִיט גוּטֶע קִינְדֶער!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע זוֹכֶה זַיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע, גֶעזוּנְטֶע, פְרֵיילִיכֶע שְׁטִיבֶּער, אָמֵן.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ שִׁיעוּר חִיזוּק יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח תשפ"א)

# חִיזּוּק פַּאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַּף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט פַּאר מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָאְרלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא.**

### אַ מְלַמֵּד אִיז 'בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם'!

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים; עֶטְ'ץ זָאלְטְס וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ מְלַמֵּד אַ 'בַּטְלָן', אוּן נִישְׁט נָאר בַּיי דִי וֶועלְט, נָאר דִי מְלַמְּדִים אַלֵיינְס קוּקְן זִיךְ אָן וִוי בַּטְלָנִים, אָבֶער אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן וֶוען עֶר אִיז אִין כִּתָּה זִיצְט עֶר 'בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם'!

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דִי מְלַמְּדִים.

### אַרוֹיס וַוארְפְן אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?!

נֶעכְטְן אִיז דָא גֶעוֶוען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען אִין בֶּעלְגְיֶע, אוּן אַלְס בָּחוּר הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט דָאהִי אִין אַ יְשִׁיבָה, אֵיין שַׁבָּת אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם דַאוֶוענֶען וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיי נִשְׁמַת, הָאט אִים דֶער מְנַהֵל גֶעזָאגְט: "נָאךְ שַׁבָּת נֶעם דַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ אוּן פָּאר צוּרִיק אַהֵיים!" זָאגְט עֶר מִיר: "דֶער יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין פַארְמַאכְט, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי דוּרְךְ דֶעם יְשִׁיבָה דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶס הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, פַאר דֶעם שִׁיקְט מֶען אַהֵיים אַ בָּחוּר וַוייל עֶר אִיז אַבִּיסְל פַארְשְׁלָאפְן?!"

צוּמָאל שִׁיק אִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק אַ בָּחוּר, אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט אָן צְוֶועלְף אַזֵייגֶער טָאג נָאךְ טָאג, זָאג אִיךְ אִים: "מָארְגְן זָאלְסְטוּ קוּמֶען צַייטְלֶעךְ", אָבֶער צוּלִיב דֶעם זָאל מֶען אַרוֹיס וַוארְפְן אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?! מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף תַּלְמִידִים.

### דֶער סֵפֶר וֶועקְט מִיר אוֹיף

בַּיינַאכְט שְׁלָאף אִיךְ אַיין מִיט אַן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'; עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אָבֶער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאט עֶס אַז עֶס לָאזְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן... נֶעכְטְן הָאבְּן זִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן שׁוֹין גֶעקְלֶעבְּט פוּן מִידֶעקֵייט, אִיךְ בִּין נַיין אַזֵייגֶער גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, אַפָּאר מִינוּט דֶערוֹיף בִּין אִיךְ צוּרִיק אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אִין דַיינִינְג רוּם, פְרֶעגְט מִיר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ': **"וָואס אִיז גֶעשֶׁען, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין שְׁלָאפְן?"** זָאג אִיךְ אִיר: **"דֶער סֵפֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס וֶועקְט מִיר אוֹיף!"**

### מַצְדִּיקֵי הָרַבִּים

הָאבּ אִיךְ דָארְט גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו, וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): **"וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד – אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת"**, פְרֶעגְט מוֹהֲרָ"אשׁ, פַארְוָואס וֶוערְן דִי מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת אָנְגֶערוּפְן 'מַצְדִּיקֵי הָרַבִּים'? נָאר אַ מְלַמֵּד דַארְף קֶענֶען 'מַצְדִּיק זַיין' אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר דַארְף זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת, טְרֶעפְן דָאס גוּטְס אִין זֵיי.

### כַּכּוֹכָבִים

פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגְלִיכְן פּוּנְקְט צוּ שְׁטֶערְנְס, וַוייל דִי שְׁטֶערְנְס זֶעעֶן אוֹיס קְלֵיין אוּן בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי גְרֶעסֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מְלַמֵּד וִויסְן, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס זִיצְט בַּיי דִיר אִין קְלַאס, קֶען זַיין אַז פוּן דָא גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן אֵיינֶער פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אַזוֹי וִוי דֶער אִיד וָואס אִיז נֶעכְטְן דָא גֶעוֶוען, אוּן אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ 'תַּלְמִיד חָכָם', וֶוען זַיין מְנַהֵל וָואלְט גֶעוואוּסְט וֶועם עֶר וַוארְפְט אַרוֹיס, 'אִיךְ וַוארְף אַרוֹיס דֶעם תַּלְמִיד חָכָם פוּן יְשִׁיבָה', - וָואלְט עֶר דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן.

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס גֵייט וֶוערְן מִיט אַ קִינְד, אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס עֶס גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְן מִיט זֵיי, זֶענֶען נִישְׁט סְתַּם פַארְשְׁלָאפֶענֶע קִינְדֶער, עֶפֶּעס גֵייט וֶוערְן מִיט זֵיי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אִים מַרְחֵק זַיין, קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן עֶר וֶועט אֵיין טָאג אַרוֹיסְגֶעבְן אַ מָאוִוי קֶעגְן אִידְן. אַזוֹי וִוי לֶעצְטְנְס הָאבְּן אַפָּאר גֶעפַאלֶענֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיס גֶעגֶעבְן אַ מָאוִוי קֶעגְן דִי חֲסִידִים.

### דֶער גוֹי הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד

דָאס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; נִישְׁט אַזוֹי וַוייט צוּלִיב דִי שִׂנְאַת יִשְׂרָאֵל פוּן דִי גוֹיִם, וַוייל זֵיי וֶוערְן נִישְׁט נִתְפָּעֵל פוּן דִי סָארְט מָאוִוים, וַוייל דֶער גוֹי הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ דִי וָואס פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן, עֶר הָאט פַיינְט דֶעם הַיינְטִיגְן שְׁפִּילֶער פּוּנְקְט וִוי דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דוּ גֵייסְט מִיט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסִידִי'שֶׁע קַאפְּל, אָדֶער אַ קְלֵיינֶע בְּלוֹיֶע קַאפְּל, פַארְקֶערְט דֶער גוֹי קוּקְט אָן דֶעם שְׁוַואכְן אִיד וִוי אַן אָפְּגֶערִיסֶענֶער מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס גֵייסְטוּ אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אִידְן, וָואס אִיז מִיט דִיר?...

אָבֶער לֵיידֶער קוּקְן נֶעבֶּעךְ אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער מָאוִוים, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, וַוייל זֵיי וִוילְן נָאכְנִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן זֵייעֶר חֲסִידוּת, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט קוּקְן זֵיי דִי אִידִישֶׁע מָאוִוים, אוּן דָאס הֶעצְט זֵיי אוֹיף קֶעגְן אִידִישְׁקֵייט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס זִיצְט יֶעצְט אִין כִּתָּה, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אוֹיסְוַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אָדֶער פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין בָּחוּרִים אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי?
- מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**



# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## זָאל מֶען נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אוּם עֶרֶב שַׁבָּת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֶעוואוּינְט אַיין קִינְדֶער צוּ טוּן - וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן שְׁפֶּעטֶער; אַז מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן מֶען הַאלְט זֵיי נֶעבְּן זִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען לֶערְנְט זֵיי שְׁטַייטְלִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען - וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אַלֵיינְס גֵיין דַאוֶונֶען. אָבֶער אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן אִין שׁוּל, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוֶונֶען - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַלֶע מִצְוֹת אוּן אַלֶע מִנְהָגִים. אַ טַאטֶע דַארְף נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת כְּדֵי זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה בִּצְנִיעוּת, בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

פוּן דִי זִיבְּן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר מִיטְ׳ן טַאטְ׳ן, וַוייל אַלֵיינְס טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה. אֲפִילוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּרְ׳ל דַארְף הָאבְּן שְׁמִירָה פוּן חוֹלֵי נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין וִוי פְּרִיעֶר וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זְרִיזוּת - נִישְׁט צוּ פֶּענְיֶען אִין מִקְוֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט, אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְכַאפְּן; וִוילַאנְג מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְטוּן אִיז רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטוּן, גֶע׳טוּבֵלְ׳ט, צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה! דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם; אַדְרַבָּה, דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נָאךְ פוּן זֵייעֶר יוּגְנְט, אַז מֶען דַארְף הִיטְן דִי אוֹיגְן וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו׳, מכתב תסט)

## וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ נָאנְט מִיט מַיין זוּן, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים קֶען עֶר אַלֶעס מְתַקֵן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט אַ נֵס אַז דַיין זוּן הַאלְט זִיךְ נָאךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ קִינְד כַאפְּט אַרַיין אַזֶעלְכֶע זַאכְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען" - גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה הַשֵּׁם יְרַחֵם. אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - רֻבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג אִין דֶעם, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער דוּרְךְ "שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען", זֵיי הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אַ שִׂנְאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי וֶועג פוּן שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי אֵייגֶענֶע נֶערְוְון. מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; סַיי עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּן סַיי עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין קוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ׳, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיין קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ׳עֶ הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) אַז גְרוֹיסֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל", וַוייל זֵיי קֶענֶען צוּרִיק שְׁלָאגְן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס אִידִישְׁקֵייט; וִוי מֶעג אַ אִיד שְׁלָאגְן, צִיפְּן, שְׁטוֹיסְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער? וִוי קֶען אַ אִיד אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד?! אַ גוֹי שְׁלָאגְט וְכוּ׳.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְקָרֵב זַיין דַיין זוּן; עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט וִוי לַאנְג עֶס וֶועט זִיךְ פַארְהֵיילְן זַיינֶע וֵוייטָאג פוּן דִי קְלֶעפּ אוּן פַארְשֶׁעמוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אוּן מִיט תְּפִילָּה וֶועט עֶס אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים.

נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף חִינוּךְ הַיְלָדִים; סַיי דִי אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער", "צוּשְׁנַייד מִיךְ נִישְׁט", אוּן "אִידִישׁ נַחַת", אוּן סַיי דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין "אוֹצָר חִינוּךְ הַיְלָדִים", צוּ רַאטֶעוֶוען נָאךְ קִינְדֶער פוּן וֶוערְן דֶערְמָארְדֶעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

...

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876